# א גריס פון בית פיגא

פרשת תרומה

ח' אדר תשפ"א

יאר ו גליון 14

## מעשיות פון תפילה

### פרי 1 עי - שרי הערצאג



מיין בריפקעיס איז געווען צוריסן און אנשטאט מוטשעגען מיין מאמע פאר א נייע האב איך געבעטן די אייבערשטער פאר א נייע, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב שוין באקומען א שיינע נייע בריפקעיס!

### ערשטע קלאס - שיינדי יאקאבאוויטש



ווער עס בענטשט שיין ביי לאנטש קען באקומען א טיקעט, און ווען מען האט 12 טיקעטס קען מען באקומען א יאמי קענדי, איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז איך זאל האבן 12 טיקעטס, און ש'כח אייבערשטער איך האב שוין 12 טיקעטס!

### צווייטע קלאס - פייגי אינדיג



איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז מיין מומע זאל ווערן א כלה, און ש'כח אייבערשטער אז די וואך איז זי געווארן א כלה, ש'כח אייבערשטער!

### פערדע קלאס - לאה'לע שווארץ



איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל קענען ענדיגן תהלים, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב געענדיגט תהלים פאר די 5טע מאל, ש'כח אייבערשטער!

### עלטסטע קלאס - פערי שארף



איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער צו קענען פארן צו אומאן, צו די הייליגע רבי"ס ציון, און ש'כח אייבערשטער אז מיין שוועסטערס חתונה גייט אי"ה זיין אין אומאן, און איך גיי פארן צו די חתונה, און צו די רבי"ס ציון, ש'כח אייבערשטער!

### בית פיגא ליבערטי - טשארני איידליס



מיין זייגער האט זיך צובראכן און אנשטאטס מוטשענען מיין מאמע פאר א נייע זייגער האב איך געמוטשעט די אייבערשטער פאר א נייע, און ש'כח אייבערשטער אז איך האב שוין באקומען א נייע זייגער!

## נייעס אין בית פיגא

~ פארגאנגנע דאנערשטאג איז די עלטסטע קלאס פון וויליאמסבורג געגאנגען סלעדינג, מען האט שפאצירט צו א פארק וואס איז א שפאן אוועק פון וויליאמסבורג, און מען האט זיך געגליטשט אויף די הויכע שנייעדיגע בערג וואס דער אייבערשטער האט באשאפן. א יעדע מאל וואס מען האט זיך געגליטשט האט מען געהערט ווי די מיידלעך זאגן ש'כח אייבערשטער! ש'כח אייבערשטער פאר אזא געשמאקע סלעדינג טריפ!

~ לעצטע וואך דאנערשטאג איז געווען א געשמאקע, פרייליכע ראש חודש אדר פראגראם, מען האט געשפילט אפאר פרייליכע חודש אדר געימס, און דערנאך האט מען לעבעדיג געטאנצן, און זיך געפרייט לכבוד ראש חודש.

~אין שטעטל איז דינסטאג געווען זייער גליטשיג עס האט נישט אויסגעזען ווי עס גייט זיין סקול, אלע מיידלעך מיט די טיטשערס האבן אבער זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל יא זיין סקול, און ש'כח אייבערשטער אז צום סוף איז יא געווען.

ווען מען איז שוין געווען אויף די באס איז די באס געווארן סטאק אין די שניי, און אלע מיידלעך האבן זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז מען זאל קענען ווייטער פארן, און עס איז ב"ה געקומען א שלעפער טראק וואס האט ארויסגעשלעפט די באס פון שניי און מען האט געקענט ווייטער פארן צו סקול, ש'כח אייבערשטער אז אלע מיידלעך האבן אזוי שטארק ליב צו קומען צו די הייליגע בית פיגא סקול.

# א בריוו פון דער ראש ישיבה

בעזרת ה׳ יתברך

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך בעט דיר זייער דו זאלסט שטענדיג אויפזוכן די מיידלעך וואס קיינער חבר׳ט זיך נישט מיט זיי און מיט די מיידלעך זאלסטו שפילן.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש שמות רבה ב, ב–ג): ״ווען דוד המלך איז געווען א יונגער בחור איז ער געווען א פאסטוך, פלעגט ער אלץ אכטונג געבן אויף די רחמנות׳דיגע שעפעלעך און אויף די יונגע שעפעלעך זיי זאלן האבן וואס צו עסן. ער פלעגט קודם ארויסברענגען די קליינע שעפעלעך וואס זיי האבן נאך נישט קיין גרויסע ציינער און קענען נישט עסן פון אונטען ביים ווארצל וואו עס איז הארט, זיי האט ער קודם ארויסגענומען זיי זאלן אפעסן די ווייכע תבואה. נאכדעם האט ער געעפנט די טיר פאר די עלסטע שאף וואס האבן שוין גרעסערע ציינער זיי זאלן עסן פון די מיטלסטע חלק פון די תבואה און נאכדעם האט ער ארויסגענומען די מיטעלע שאף וואס זיי האבן גאר שארפע ציינער און קענען אויסרייסן די תבואה ביז די ווארצלען; האט דער אייבערשטער געזאגט פאר דוד: ׳דוד, דו האסט רחמנות אויף די שעפעלעך, ביסטו ראוי צו זיין דער מנהיג ישראל׳, אזוי ווי עס שטייט (תהלים עח, עא): ׳מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ, וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ׳״.

דו זאלסט שטענדיג אפיר זוכן די מיידלעך מיט וועם קיינער שפילט נישט אדער מען רופט זיי נישט וכו׳ און מיט זיי זאלסטו פארברענגען, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו גרויסע זאכן.

דו האסט מיר זייער דערפריידט מיט דיין בריוו; איך פריי זיך זייער אז דו זאגסט תהילים יעדן טאג און יעצט האסטו געענדיגט די צווייטע מאל תהילים. יעדעס מאל ווען דו ענדיגסט תהילים זאלסטו מיר שרייבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

# א מעשה פון א צדיקת

פאר בערך 70 יאר צוריק איז געווען א פרוי, מרת יאקאבאוויטש וואס עס איז שוין אריבער אפאר יאר פון איר חתונה און זי האט נאך אלס נישט געהאט קיין קינדער. זי איז ארומגעלאפן פון איין דאקטער צום צווייטן, און זיי האבן אלע געזאגט, "נישט דא פאר דיר קיין האפענונג, דו ווענסט קיינמאל נישט האבן קיין קינדער דארפסט אויפהערן טראכטן פון דעם, הייב אן צו טראכטן פון אדאפטירן א קינד."

אבער די פרוי האט נישט אויפגעגעבן, זי האט געטראכט, 'ווער איז די דאקטער? ער קען זאגן אויב מען קען יא האבן קינדער צו נישט? דער אייבערשטער געבט דאך קינדער.'

כאטש זי איז נישט געווען פון א חסידישע משפחה, איז זי געגאנגען צו די הייליגע סאטמארע רבי בעטן פאר א ברכה. די סאטמארע רבי האט איר געזאגט "אויב איר וועט זיך שערן אייער האר וועט איר האבן קינדער."

מרת יאקאבאוויטש איז געווען גרייט אלעס צו טון צו קענען האבן קינדער, און כאטש עס איז געווען פאר איר זייער א פרעמדע זאך זיך אפצושערן ווייל אין איר משפחה האט זיך קיינער נישט אזוי געפירט, דאך האט זי זיך אפגעשוירן איר האר.

איין יאר שפעטער האט זי געהאט א קינד! כאטש וואס די דאקטוירים האבן געזאגט אז עס איז נישט מעגליך. זי האט געהאט דריי קינדער, און דערנאך האט זי געווארט אפאר יאר פאר נאך קינדער. אירע קינדער האבן איר געפרעגט, "מאמי, פארוואס האבן אונז נישט נאך א בעיבי?" האט זי צוזאמען מיט אירע קינדער געבעטן די אייבערשטער פאר נאך קינדער און טאקע א יאר שפעטער האט זי געהאט נאך א בעיבי.
זי זוכה האט געווען אויפצושטעלן א הערליכע משפחה פון 10 ערליכע לעכטיגע קינדער. אסאך פון אירע קינדער און אייניקלעך האבן זוכה געווען מקורב צו ווערן צו מוהרא"ש זצ"ל און פיל פון זיי זענען גרויסע מפיצים און זענען מזכה אסאך אידן מיט די הייליגע ספרים פון די הייליגע רבי. פילע פון אירע אור אייניקלעך לערנען אין די הייליגע ברסלב'ע מוסדות. אלעס בזכות וואס זי האט געפאלגט וואס די הייליגע צדיקים זאגן אז מען זאל זיך שערן די האר!

**די הייליגע רבי זאגט אין ספר המדות אז ווען א פרוי איז צניעות'דיג איז זי זוכה צו האבן ערליכע קינדער. דאס איז דאך די בעסטע וואונטש פון יעדע אידישע מאמע.**

**לאמיר שטענדיג געדענקען זיך צו פירן בצניעות, נישט ווייל איינער הייסט מיך, ווייל איך "מוז" נאר פרובירן אייביג צו זיין צניעות'דיג ווייל איך "וויל" ווייל איך בין שטאלץ אויסצוזעהן ווי דער אייבערשטערנס קינד, און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו האבן לעכטיגע קינדער!**



# פון אונזערע לערערינס...

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי'

איך האב אזוי הנאה פון דיר אין סקול! דו הערסט זיך אזוי גוט צו אין קלאס, און דו קענסט טאקע אלעס אזוי גוט!

איך האב ליב צו זעהן ווי דו גייסט אנגעטון צניעות'דיג און איידל. דיין העמד איז איידל ארייגעלייגט. דו ביסט זייער הויער, וועגן דעם קען אסאך מאל דיין טייטס זיין אויסגעצויגן, ווען דו טוסט עס אן זאלסטו אייביג קוקן אויב עס איז נישט צו אויסגעצויגן און עס ווערט דורכזיכטיג. אויב יא, דארפסטו עס אראפציען, אדער קויפן א גרעסערע סייז.

די עיקר ביי א מיידל איז זי זאל זיין צניעות'דיג און רעדן איידל. געב אכטונג נאר צו רעדן פון שיינע זאכן, עפעס וואס איז פריוואט קומט נישט צו רעדן מיט אנדערע מיידלעך דאס זאלסטו רעדן מיט דיין מאמע און דיינע טיטשערס, מיט מיידלעך זאלסטו רעדן זאכן וואס וועט זיי מאכן פרייליך. טרעף א מיידל וואס זיצט אליינס און שמועס מיט איר. דו האסט א גאלדענע הארץ און דו קענסט מאכן א מיידל אזוי פרייליך ווען דו שמעוסט מיט איר.

עס זענען דא מיידלעך וואס זענען זייער קלוג זיי קענען אלעס און ווייסן אלעס אבער דו האסט גוטע מידות און דאס איז באמת וויכטיג. אזא מיידל איז א גוטע געלונגענע מיידל און זי וועט האבן א גוטע לעבן!

געב אכטונג נישט צו קוקן אויף מוזיק ווידיאס און מאוויס, אפילו כשר'ע קינדערישע, וויל נאכדעם ווערט מען אריינגעשלעפט צו קוקן נאך און נאך און עס איז נישט גוט.

וואס דו דארפסט בעט דער אייבערשטער און ער וועט דיר אלעס געבן, וויל ער האט דיר ליב!

מיט ליבשאפט,

## ספר המדות ווינקל

### אות אמונה חלק שני



ט. עַל-יְדֵי מִעוּט אֱמוּנָה נִתְרַבּוּ הַזְּבוּבִים בָּעוֹלָם.

דורך ווייניג אמונה קומען אסאך פליגן אויף די וועלט.

יד. אִשָּׁה הַזְּהִירָה בְּחַלָּה - בָּנֶיהָ בַּעֲלֵי - אֱמוּנָה.

א פרוי וואס מאכט זיכער צו נעמען חלה וועלן אירע קינדער האבן אמונה.

## מזל טוב

בית פיגא וואונטשט א הארציגע מזל טוב פאר:

### דער חשוב'ע ראש ישיבה שליט"א

צו די חתונה פון זיין זון!

**זיסי קליין** — צו איר שידוך!

**מרת ראטה** (אינדיג) — צו איר חתונה!

# רעספי

## Chewy chocolate chip cookie



**2 sticks margarine**

**¾ c brown sugar**

**¼ c sugar**

**1 packet vanilla pudding**

**2 eggs**

**1 tsp vanilla extract**

**2 ¼ c flour**

**1 tsp baking soda**

**2 c chocolate chips**

Preheat oven 350°. Combine margarine, sugars and mix until creamy. Add eggs, vanilla extract. Combine flour and baking soda and add to mixture. Add chocolate chips and mix. Form balls and place onto lined cookie sheet. Bake for 10–12 minutes.

**נישט פארגעסן צו בעטן דער אייבערשטער עס זאל גוט געלונגען!**

### קוואל פון חיזוק

212-444-9169

בית פיגא תלמידה...

הערט א שיעור פון די ראש ישיבה שליט"א

2,3,3,104

### א גוט שבת!

זמן שבת: 5:21

זמן מוצש"ק: 6:49